**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/1/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו העלפן אנגעשטרענגטע ביזנעסער באקומען נידעריגע-קאסט ארבעטער פארגוטיגונג דעקונג**

***לעגיסלאציע (S.9096/A.10078) גיבט איבער 3,700 ניו יארקער ביזנעסער מיט אן אומבאצאלטע באלאנס די געלעגנהייט זיך אומצוקערן צו NYSIF, שאפנדיג מיליאנען אין פאטענציעל געשפארטע געלטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז זי האט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע אויפצוריכטן די מעגליכקייט פאר טויזנטער ניו יארקער ביזנעסער צו באקומען נידעריגע-קאסט ארבעטער פארגוטיגונג דעקונג דורך דער ניו יארק סטעיט אינשורענס פאָנד, ניו יארק׳ס גרעסטע ארבעטער פארגוטיגונג אינשורענס און א צענטער-פונקט פון דעם סטעיט׳ס נידעריגע-קאסט אינשורענס מארקעט.

״ביים שפיץ פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, האבן טויזנטער ניו יארקער ביזנעסער וועלכע האבן זיך קוים וואס דערהאלטן ביים לעבן פארלארן צוטריט צו צוגענגליכע ארבעטער פארגוטיגונג דעקונג גענוי ווען זיי האבן זיך גענייטיגט דערין דאס מערסטע,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״אבער היינט, א דאנק די ביל ספאנסירער סענאטארקע ראַמאָס און אסעמבלי מיטגליד פערנאנדעז, מעלדן מיר אקציע אויף צו פארזיכערן אז ביזנעסער קענען ווייטער באשיצן זייערע ארבעטער מיט צוגענגליכע דעקונג און גלייכצייטיג אדרעסירן סיי וואספארא פרעמיום אויף צוריק. דער ביל וועט אויפריכטן העכסט-נייטיגע צוטריט, שפארן ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט מיליאנען דאלארען אין פרעמיום און העלפן זייער אונטערשטער שורה.״

ניו יארקער געזעץ פארלאנגט פון ביזנעסער צו האבן ארבעטער פארגוטיגונג דעקונג, וועלכע רוב שאפן דורך NYSIF אדער א פריוואטע אינשורער. אבער אנדערש ווי פריוואטע אינשורער, טוט NYSIF אינשורירן סיי וועלכע ארבעטסגעבער וואס ווענדט זיך פאר דעקונג אפגעזען די ריזיקע פון די נידעריגסטע מעגליכע קאסטן אויף אויסצוהאלטן א פאָנד אן חובות. NYSIF קען נאר אנולירן א פאָליסי פאר נישט באצאלן דעם פרעמיום און ביז איצט איז עס געווען אויסגעשלאסן פון צוריק-ארויסגעבן א פאָליסי צו א ביזנעס וועלכע איז נאך שולדיג געווען איר פרעמיום.

דער נייער געזעץ ערמעגליכט פאר NYSIF ארויסצוגעבן א פאָליסי צו א ביזנעס מיט אן עקזיסטירנדע באלאנס, צו ערמעגליכן פאר דער קאמפאני צו צאלן די שולדיגע פרעמיום אונטער א צוטיילטע באצאלונגען פלאן. דורך דאס טון, וועט די לעגיסלאציע געבן מער ווי 3,000 ניו יארקער ביזנעסער באנייטע צוטריט צו דער גרעסטער סעגמענט פון דער נידעריגע-קאסט אינשורענס מארקעט, שאפנדיג א סך הכל פון 8 מיליאן דאלער געשפארטע געלטער אין פאטענציעלע פרעמיום, אדער א דורכשניט פון אומגעפער 2,000 דאלער פער פאָליסי-האלטער.

**גאוראוו וואסישט, עקזעקיוטיוו דירעקטאר און CEO פון NYSIF, האט געזאגט,** ״א דאנק גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, קענען ארבעטסגעבער איבער גאנץ ניו יארק איצט בלייבן אינשור׳ירט דורך NYSIF און באשיצן זייערע ארבעטער דורכאויס שווערע צייטן. דער נייער געזעץ אפארדירט אויך NYSIF א געלעגנהייט זיך צוריק צו באהעפטן מיט אונזער פובליק מיסיע, אונז געבן די בייגזאמקייט צו העלפן אנגעשטרענגטע ארבעטסגעבער און פארזיכערן א יושר׳דיגע מארקפלאץ.״

**סטעיט סענאטארקע דזשעסיקע ראַמאָס האט געזאגט,** ״די בילס האבן זיך אנגעזאמלט פאר קלענערע ביזנעסער דורכאויס דער פאנדעמיע, און טראצדעם וואס דער דורכגעפירטער בודזשעט רעכנט אריין באדייטנדע מאסנאמען זיי צו ערמעגליכן צוריקצושאפן איינקונפט, דארפן זיי דאך האבן מער שטיצע אויף זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס. איך בין באגייסטערט אז דער גאווערנער שרייבט אונטער דער S9096, און פארזיכערט אז אומשטענדן וועלכע א קלענערע ביזנעס קען נישט קאנטראלירן וועלן זיי נישט אויסשליסן פון NYSIF׳ס נידעריגע קאסט אינשורענס דעקונג.״

**אסעמבלי-מיטגליד נאטאליע פערנאנדעז האט געזאגט,** ״צוטרויליכע לייזונגס-מיטלען פאר דעקונג, ערהוילונג און געלעגנהייט. דאס איז די כוונה פון וואס דער ביל האט אנצובאטן פאר די טויזנטער ניו יארקער וועלכע זענען געצווינגען געווען צו שליסן זייערע ביזנעסער און מוטשען זיך אויף זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס. מיט׳ן אונטערשרייבן די שטיקל לעגיסלאציע, קענען איצט ביזנעס אייגנטימער אנהייבן א נייע אינשורענס פאָליסי און גלייכצייטיג צוריקצאלן זייער פריערדיגע פאָליסי. דאס איז נישט בלויז א סוקסעס פאר אונזערע קלענערע ביזנעס אייגנטימער, נאר א סוקסעס אין דעם קאמף פאר די מענטשן צו צעווארפן די צוימען און באגרעניצונגען וועלכע האלטן צוריק ניו יארקער פון סוקסעס, ווי אויך סאציעלע און עקאנאמישע באוועגיקייט. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר איר שטיצע אין אונטערשרייבן דעם ביל אלס געזעץ און באפולמעכטיגן א באוועגונג צו בעסער שטיצן ערהוילונג באמיאונגען אין ניו יארק און נייע וועגלעך פאר געלעגנהייט פאר מענטשן.״

אונטער דעם נייעם געזעץ, קענען פאָליסי-האלטער ארבעטן מיט׳ן NYSIF אוועקצושטעלן א באצאלונג פלאן, פאר סיי עקזיסטירנדע באלאנס און פרעמיום אויף דעם נייעם פאָליסי. אלע קאמפאניס מוזן אויך נאכקומען NYSIF׳ס אלגעמיינע אונטערשרייבונג סטאנדארטן. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.NYSIF.org

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418